**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/22/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער "פייגלעך און בינען געזעץ", לאנד'ס-פירנדער געזעץ צו באשיצן ניו יארקער און ווילדע באשעפענישן פון שעדליכע פעסטיסיידס**

***ביל S.1856-A/A.7640 פירט איין דעם פויגלעך און בינען באשיצונג געזעץ***

***גאווערנער האט פארזיכערט אמענדמענטס צו פארזיכערן א שטארקער און פראקטישער פראגראם פאר ניו יארק'ס פאמיליע פארמער און פלאנצער וואס היט אויף פובליק געזונטהייט און אויף ניו יארק'ס נאטורליכע קוועלער***

גאווערנער קעטי האקול האט אריינגעשריבן אין געזעץ ביל S.1856-A/A.7640, באקאנט אלס דעם "פויגלעך און בינען באשיצונג געזעץ" (Birds and Bees Protection Act). די לאנד'ס-פירנדע ביל באשיצט ניו יארקער פון פאטענציאל שעדליכע כעמיקאלן דורכן פארבאט דאס באנוץ מיט געוויסע ניאָוניקאַטינאויד ('ניאָוניקס') פעסטיסיידס אויף קאָרן, סויע בונדל אדער ווייץ קערנדלעך און אזוי אויך אויף דרויסנדיגע באצירנדע פלאנצונגען און גראז, אוועקשטעלנדיג וויכטיגע שוץ מאסנאמען פאר ניו יארק'ס חיות וואס פירן ארום בלומען שטויב, פויגלעך און אנדערע ווילדע באשעפענישן.

"דורכן אונטערשרייבן דעם פויגלעך און בינען באשיצונג געזעץ, נעמט ניו יארק אונטער א באדייטנדע טריט פאראויס צו באשיצן אונזערע קינדער, סביבה און וועזנטליכע באשטויבנדע חיות", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דער געזעץ שטרייכט אונטער אונזער פארפליכטונג צו פלעגן א בליהענדע עקאלאגישע סיסטעם בשעת'ן גיבן פריאריטעט פאר ענווייראמענט-פריינטליכע פארמינג און אגריקולטורישע פראקטיקן."

ביל S.1856-A/A.7640 איז א באווארענונג מאסנאם צו באשיצן חיות וואס פירן ארום בלומען שטויב דורכן באגרעניצן דאס באנוץ מיט ניאָוקאַנטינאויד פעסטיסיידס אויף געוויסע קערנדלעך, דרויסנדיגע באצירנדע פלאנצונגען און גראז. עס גיבט גענוג צייט פאר נייע פארשונג אויף אלטערנאטיוון און פאר די אנטוויקלונג פון מער נישט טייערע פראדוקטן וואס זענען ווייניגער שעדליך פאר די סביבה. נאך די תקופה, וועט דאס באנוץ מיט ניאָוקאַנטינאוידס זיין אונטערגעווארפן צו וויסנשאפטליכע אונטערזוכונגען און ספעציעלע ערלויבענישן צו ארויסהעלפן פארם און אגריקולטור אפעראציעס אין די אריבערגאנג צו דעם נייעם פראגראם.

**סטעיט סענאטאר ברעד האָילמאן-סיגעל האט געזאגט,** "די EPA האט לעצטנס געפונען אז ניאָוקאַנטינאויד פעסטיסיידס טרייבן מער פון 200 מינים פון באשעפענישן צו אויסגעראטן ווערן, באצייכענענדיג די פעסטיסיידס אלס די מערסטע שעדליך פאר די עקאלאגישע סיסטעם זינט DDT. איך בין דאנקבאר אז גאווערנער האקול האט אונטערגעשריבן אונזער 'פויגלעך און בינען באשיצונג געזעץ' (S1856A) מיט אסעמבלי מיטגלידערין גליק, א ביל וואס וועט העלפן ברענגען אן ענדע צו די פארשפרייטע באנוץ מיט גיפטיגע ניאָוקאַנטינאוידס. איך בין אויך עקסטרעם דאנקבאר פאר די קאאליציע

פון שתדלנות גרופעס וועלכע האבן געהאלפן ברענגען אונזער ביל ביזן ענדע, אריינרעכענענדיג NRDC, די Sierra Club, NYLCV און ענווייראמענטאלע שתדלנים, און אזוי אויך מיינע סענאט קאלעגן, מאיאריטעט פירערין ענדריע סטוּערט-קאָזינס און פּיט הארקהעם, פארזיצער פון די ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמיטע."

**אסעמבלי מיטגלידערין דעבארע גליק האט געזאגט,** "באגרעניצן גיפטיגע כעמיקאלן וואס ברענגען אומגעוואונטשענע ווירקונגען און געזונטהייט סכנות איז א וויכטיגע טריט פאראויס צו אויפהערן פארגיפטיגן די סביבה און שאפן א געזונטערע ניו יארק. איך אפלאדיר גאווערנער האקול פארן אנערקענען די וויכטיגקייט פון אונזערע באשטויבנדע חיות און אונזער סביבה און פארן אונטערשרייבן דעם פויגלער און בינען באשיצונג געזעץ. די ביל רעכנט זיך מיט זארגן איבער די סופּלייס פון קערנדלעך בשעת'ן פארזיכערן אפנקייט און וויסנשאפטליך-אויסגעהאלטענע באשלוסן דורך א ספעציעלע ערלויבענישן פראצעדור אונטער די אויפזיכט פון די NYS דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג מיט די ייעוץ פון די NYS דעפּארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס, מיט צייט צוגעשטעלט פאר די מארקעט און פארמער זיך צו צופאסן. די דורכברעכנדע ביל וועט העלפן היטן אויף די לעבעדיגקייט פון אונזערע באשטויבנדע חיות בשעת'ן פארזיכערן א געזונטערע סביבה פאר אלע ניו יארקער."

ניו יארק איז פארפליכטעט צו שטופן פאר די געזונטהייט און ערהוילונג פון באפעלקערונגען פון באשעפענישן וואס פירן ארום בלומען שטויב, ווי פארגעלייגט אין די סטעיט'ס 'באשטויבנדע חיות באשיצונג פלאן' ([PDF](PDF)). באשטויבנדע חיות האבן א באדייטנדע באשטייערונג צו ניו יארק'ס סביבה און עקאנאמיע. לויט די פאראייניגטע שטאטן אגריקולטור דעפּארטמענט, שטעלן באשטויבנדע חיות צו אומגעפער 344 מיליאן דאלאר ווערט פון בלומען שטויב 'סערוויסעס' פאר ניו יארק און לייגן צו 29 ביליאן דאלאר אין ווערט צו תבואה פראדוקציע אריבער דאס לאנד יעדעס יאר. די סטעיט'ס מעגליכקייט צו פראדוצירן תבואה, ווי צ.ב.ש. עפל, טרויבן, קארשן, צוויבל, קירבעס און בלומענקרויט זענען שטארק אנגעוואנדן אויף די אנוועזנהייט פון באשטויבנדע חיות.

דער נייער געזעץ וועט ארויפבויען אויף שריט וואס די דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation, DEC) האט שוין אונטערגענומען צו באגרעניצן דאס באנוץ מיט פילע ניאָוניקס און ארבעט מיט רעגיסטרירנדע פירמעס צו באגרעניצן די באנוצן פון פילע פון די פראדוקטן צו באשיצן באשטויבנדע חיות אדער סטעיט אוצרות.

לעצטע יאר האט די DEC אונטערגענומען שריט צו באגרעניצן די אומבאגרעניצטע באנוץ מיט פעסטיסיידס וועלכע קענען שעדיגן בינען און אנדערע באשטויבנדע חיות דורכן טוישן די קאטעגאריע פון געוויסע פראדוקטן וואס אנטהאלטן די ניאָוניקאָטינאויד (ניאָוניק) כעמיקאלן וואס הרג'נען אינזעקטן – imidacloprid, thiamethoxam און acetamiprid – צו זיין אונטער "באגרעניצטע באנוץ" צו זיכער מאכן אז די כעמיקאלן ווערן נאר געשפריצט דורך טרענירטע פּעסטיסייד פאכלייט אין ספעציפישע אומשטענדן.

גאווערנער האקול זעצט פאר צו גיבן פריאריטעט פאר אגריקולטור, און זי אנערקענט די קריטישע וויכטיגקייט דערפון פאר ניו יארק'ס עקאנאמיע און ראלע ביים באשיצן די סביבה. די סטעיט איז שטאלץ צו זיין א היים צו איבער 33,000 פארמס וועלכע פראדוצירן טייל פון די וועלט'ס בעסטע עסנווארג און געטראנקען. גאווערנער האקול'ס 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע פון 2023 און ניו יארק סטעיט'ס בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 האבן אריינגערעכנט שטארקע שטיצע און אינוועסטירונגען מיט די ציהל צו פארגרעסערן די פארלאנג פאר ניו יארקע אגריקולטורישע פראדוקטן, צו פארשטערקערן ניו יארק'ס עסנווארג סופּליי טשעין און צו זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער קענען פראדוצירן און באקומען פרישע, לאקאלע עסנווארג.

**ניו יארק פארם ביורא פרעזידענט, דעיוויד פישער, האט געזאגט,** "די ניו יארק פארם ביורא איז גאר דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס פירערשאפט ביים אפפערן דורכגעטראכטע אמענדמענטס צו די ביל פון דעם 'פויגלעך און בינען באשיצונג געזעץ'. זי האט זיך געוואנדן צו אויסהערן אלע זייטן, און זי איז אנגעקומען צו אן איינשטימונג אויף א באלאנסירטע צוגאנג וואס מאכט זיכער אז פארמס וועלן האבן זיכערע ריזיקע קאנטראלירונג כלים וואס זיי דארפן צו קענען פלאנצן עסנווארג פאר אונזער סטעיט. די ניו יארק פארם ביורא איז אויך דערפריידט מיט די אנגייענדע ראלע וואס די דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג וועט האבן – זיך דורכרעדנדיג מיט די דעפּארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס – צו מאכן וויסנשאפט-באזירטע רעגולאטארישע באשלוסן. די גאווערנער האט ווידעראמאל ארויסגעוויזן איר וויליגקייט צו טרעפן א שכל'דיגע וועג פאראויס צו שיצן ניו יארקע אגריקולטור."

**Sierra Club Atlantic Chapter אפהיטונג פראגראם מענעדזשער, קעיטלין פעראנטעי, האט געזאגט,** "די Sierra Club אפלאדירט גאווערנער האקול פארן אריינשרייבן די 'פויגלעך און בינען באשיצונג ביל" אין געזעץ. נוצנדיג קאנקרעטע וויסנשאפט אלס א רוקנביין פאר די פּאליסיס וואס באשיצן ניו יארק'ס באשטויבנדע חיות, וואסער און ערד געזונטהייט וועט זיכער מאכן אז ניו יארק'ס קאמיוניטיס זענען זיכערער פאר פילע קומענדיגע דורות. מיר באדאנקען די גאווערנער פאר אירע לאנד'ס-פירנדע שריט מיט די קריטישע ביל. די Sierra Club באדאנקט אויך די ביל ספּאנסארס, אסעמבלי מיטגלידערין גליק און סענאטאר האֶילמאן-סיגעל, און אזוי אויך די פירערשאפט פון מאיאריטעט פירערין סטוּערט-קאזינס, ספּיקער היעסטי, אסעמבלי מיטגלידערין סאָלאַזש און סענאטאר האַרקהעם ביים פארזיכערן אז די בילס גייען אריבער אין ביידע געזעץ הייזער פון די NYS לעגיסלאטור."

**צייטווייליגער דירעקטאר פון די Natural Resource Defense Council Pollinator Initiative, דען רעיטשעל, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול און די לעגיסלאטור האבן גענומען א קריטישע טריט פאראויס ביים באשיצן ניו יארק'ס עסנווארג סיסטעמען, עקאלאגישע סיסטעמען און פובליק געזונטהייט דורכן אונטערשרייבן די לאנד'ס-ערשטע ביל. ניאָוניקס שעדיגן כמעט יעדע חלק פון אונזער סביבה – פון די וואסער ביז די ערד און אונזער געזונטהייט – און זיי הרג'נען בינען און אנדערע באשטויבנדע חיות, אראפטרייבנדיג תבואה פראדוקציע. מיט די שכל'דיגע און בויגזאמע מאדעל פארגעלייגט אין די ביל, וועט ניו יארק יעצט שטיין אין שפיץ פונעם לאנד מיט שכל'דיגע רעגולאציעס צו באגרעניצן דאס באנוץ מיט די געפארפולע פעסטיסיידס."

**וויצע פרעזידענט פון די New York Corn and Soybean Growers Association, ברעד מעקאולי, האט געזאגט,** "אויף א גאר קאמפליצירטע און באדייטפולע אנגעלעגנהייט, האט גאווערנער האקול ארויסגעוויזן שטארקע פירערשאפט ביים באשיצן די אגריקולטורישע אינדוסטריע בשעת'ן שטופן פאר ענווייראמענטאלע פאליסי. אונזער אסאָוסיעישען גלויבט שטארק אין אונזער ראלע אלס וועכטער פון די סביבה און פון נאכפאלגן פאליסיס וואס זענען געשטיצט דורך וויסנשאפט. גאווערנער האקול איז אנגעקומען צו די ריכטיגע באלאנס פאר אונזער אינדוסטריע, און מיר קוקן ארויס צו פארזעצן צו ארבעטן מיט די אדמיניסטראציע צו איינפירן דעם נייעם געזעץ צו באשיצן סיי אונזער סביבה און סיי אונזער אינדוסטריע ווי עס דארף צו זיין."

**Citizens Campaign for the Environment עקזעקיוטיוו דירעקטארין, עידריען עספּאסיטאָו, האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט ביז גאר און מיר 'זשומען' מיט באגייסטערונג! די ביל וועט לאזן א השפעה פון ריינערע, זיכערערע טרונקען וואסער, און עס ראטעוועט אונזערע באשטויבנדע חיות כדי זיי זאלן קענען פארזעצן צו באשטויבן 75 פראצענט פון די פרוכט, ניס און גרינצייג וואס מיר עסן. אזוי ווי מיר געניסן פון א האלידעי מאלצייט וואס רעכנט מעגליך אריין לאקשן, גרינע בונדלעך אדער פרוכט טארטן, דארפן מיר באדאנקען די בינען פאר זייער ראלע מיטן צושטעלן אונזער עסנווארג, און יעצט קענען מיר באדאנקען גאווערנער האקול פאר איר געוואלדיגע שטיצע מיטן אונטערשרייבן די ביל. ראטעווען די בינען איז א האלידעי געשאנק פאר אלע ניו יארקער."

**National Audubon Society הויכראנגיגער פאליסי מענעדזשער, ערין מעקגרעט, האט געזאגט,** "אין לויף פון די פארגאנגענע צען יאר זענען ניאָוניקס געקומען אונטער א נאענטערע בליק צוליב זייערע נעגאטיווע השפעות אויף פייגלעך, באשטויבנדע חיות, אנדערע ווילדע באשעפענישן און מענטשן. וויסנשאפט האט אונז געוויזן אז אפילו נידעריגע דאזעס פון ניאָוניקס קענען פארמיידן זינגפויגל פון זיך אריענטירן פאר זייערע רייזעס, פאראורזאכן באדייטנדע וואג פארלוסטן און שטערן זייער פארמערונג. צוליב די ווירקונגען דארף די באנוץ מיט ניאָוקאַנטינאויד פעסטיסיידס קעגן אינזעקטן אסאך רעדוצירט ווערן צו העלפן צוריקדרייען די שארפע רעדוקציע וואס איז געזעהן געווארן אין פילע פייגלעך באפעלקערונגען. מיר באדאנקען גאווערנער האקול פארן אונטערנעמען געשווינדע שריט צו אפשטעלן די אומבאגרעניצטע באנוץ מיט ניאָוניק פעסטיסיידס און קעמפן פאר פייגלעך און די פלעצער וואס זיי דארפן צו איבערלעבן."

**Northeast Organic Farming Association of New York (NOFA-NY) פאליסי מענעדזשער, קעיטי בעילדאן, האט געזאגט,** "דורכן אונטערשרייבן דעם פויגלער און בינען באשיצונג געזעץ, טוט גאווערנער האקול באשיצן די געזונטהייט פון מענטשן און די עקאלאגישע סיסטעם און זי טוט שטיצן די הצלחה פון טויזנטע ניו יארקע פארמס וואס זענען אנגעוויזן אויף ארטיגע און האניג בין באפעלקערונגען צו באשטויבן זייער תבואה יעדעס יאר. דורכן באגרעניצן פארשווענדערישע ניאָוניק באנוץ, טוט ניו יארק נישט נאר באשיצן באשטויבנדע חיות נאר אויך באשעפענישן וואס עסן אינזעקטן אויף וועלכע פארמערס פארלאזן זיך פאר נאטורליכע פעסט קאנטראל און אזוי אויך מיקראסקאפישע צורות פון לעבן וועלכע געפונען זיך אין די ערד און זענען קריטיש צו אריינכאפן קארבאן און ריסייקלען כעמיקאלן. NOFA-NY פייערט די וויכטיגע געווינס וואס וועט באדייטנד באגרעניצן די פארפעסטיגונג פון אונזער סביבה, אונזערע קערפער און די גאנצע ניו יארקע עסנווארג סיסטעם."

**New York League of Conservation Voters פרעזידענט, דזשולי טייה, האט געזאגט,** "זיסער פון א האניג בין: א דאנק פאר גאווערנער האקול פארן אריינשרייבן די פויגלעך און בינען באשיצונג ביל אין געזעץ! דורכן עלימינירן אומנויטיגע און שעדליכע כעמיקאלן אין אונזער רייניגונג פון פעסטס, וועט די מאסנאם העלפן פארזיכערן אז אונזערע וועזנטליכע באשטויבנדע חיות לעבן איבער, און דערמיט באשיצן ניו יארק'ס סביבה, עסנווארג זיכערהייט און אגריקולטורישע עקאנאמיע."

**Clean+Healthy עקזעקיוטיוו דירעקטאר, באַבי ווילדינג, האט געזאגט,** "מיר באדאנקען גאווערנער האקול פארן אריינשרייבן די פויגלעך און בינען באשיצונג ביל אין געזעץ. דורכן עלימינירן דאס באנוץ מיט די ניאָוקאַנטינאויד פעסטיסיידס, וועלן אונזערע באשטויבנדע חיות, ווילדע באשעפענישן, סביבה און מענטשן'ס געזונטהייט נישט זיין אומנויטיג אויסגעשטעלט צו די שעדליכע ווירקונגען פון די גיפטיגע ניאָוקאַנטינאויד פעסטיסיידס."

**Physicians for Social Responsibility פרעזידענט און קינדער דאקטאר, קעטלין נאָולען, האט געזאגט,** "דורכן אונטערשרייבן דעם פייגלעך און בינען געזעץ, האט גאווערנער קעטי האקול אראפגעשריבן איר נאמען אין די זייט פון רעיטשעל קארסאן אלס א פארטיידיגערין פון פייגלעך, בינען, שמעטערלינגען און אלע סארטן באשטויבנדע חיות און באשעפענישן/פלאנצונגען וואס זענען אנגעוויזן אויף באשטויבנדע חיות. פאמיליעס אין ניו יארק וועלן יעצט טרונקען ריינערע וואסער און עסן געזונטערע עסנווארג, מיט פיל פארמינערטע אויסשטעלונג צו געפארפולע כעמיקאלן וואס זענען ענליך צו ניקאטין, און פארמער קענען זיך יעצט אריבעררוקן צו מער ענווייראמענט-פריינטליכע פראקטיקן וואס שטיצן די געזונטהייט פון די ערד און גיבן אונז אלע א שפע פון נערנדע עסנווארג."

**עדיראַנדעק קאונסיל עקזעקיוטיוו דירעקטאר, ראול דזש. אגוויר, האט געזאגט,** "די עדיראַנדעק קאונסיל אפלאדירט גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן דעם פויגלעך און בינען באשיצונג געזעץ. דער

פויגלעך און בינען באשיצונג געזעץ נוצט די בעסטע וויסנשאפט וואס איז דא צו באשיצן אונזערע באשטויבנדע חיות, מענטשליכע געזונטהייט און די צוקונפט פון ניו יארקע פארמינג. מיר זענען דאנקבאר פאר די גאווערנער'ס ענווייראמענטאלע פירערשאפט און פאר די ביל'ס ספאנסארס פארן קעמפן פאר די קריטישע ביל."

**Good Farmers Guild of Western New York פרעזידענט און פארמערין און איינע פון אייגנטימער פון Dirt Rich Farm, לאורע קאליגען, האט געזאגט,** "אלס א גרינצייג פארמערין, זענען א ברייטע רייע פון בענעפיטירנדע אינזעקטן און אנדערע קריכעדיגע וועזנטליך פאר מיין הצלחה, צי עס זענען בינען צו באשטויבן מיין תבואה, 'לעיסווינג' פליגן צו קאנטראלירן פעסט אדער ערד ווערם צו צוריקלייגן פלאנצונג כעמיקאלן אין די ערד. ניאָוקאַנטינאויד פארפעסטיגונג דראעט אויף אונז אלע, און דערמיט אויך מיין פרנסה. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס פירערשאפט אויף די קריטישע ביל צו באשיצן פארמערן ווי איך אריבער ניו יארק סטעיט פון אוימנויטיגע ניאָוקאַנטינאויד באנוץ."

**Plan Bee Farm Brewery אייגענטימערין, עמילי ען וואטסאן, האט געזאגט,** "מיר פארלאזן זיך אויף אונזערע האניג בינען און ריינע וואסער פאר אונזער פארם און ברייערי. איך קען קאנטראלירן וואס מיר נוצן אויף אונזער פארם, אבער דאס צופאלונג פון בינען שטאקן און די סכנה פון קריכנדע פארפעסטיגונג זענען אן אנגייענדע פראבלעם. איך בין אזוי פרייליך אז די גאווערנער און די לעגיסלאטור האט געמאכט היינט די ריכטיגע באשלוס צו נעמען קלוגע שריט צו עלימינירן פארשווענדערישע און צושטערנדע ניאָוניק באנוץ."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן